# פרשת פקודי כ"ו אדר א' - ב' אדר ב' תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת פקודי***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ויקהל** משה את כל עדת בני ישראל, און ער האט זיי געגעבן די מצוה פון שבת, בעפאר ער האט זיי מצווה געווען אויפן משכן. ששת ימים תעשה מלאכה, וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לה' (שמות לה-א). די מפרשים שטעלן זיך, מען האט דאך שוין געגעבן מצות שבת פאר דעם, פארוואס האט ער דא צוגעשטעלט די מצוה פון שבת, נעבן די מצוה פון ציווי המשכן.

**מען** זעהט אז שבת האט א ספעציעלע קדושה. וקדשתו מכל הזמנים, דער אייבערשטער האט מקדש געווען שבת מער פון אלע אנדערע זמנים. יעדע מצוה האט א קדושה, אויף יעדע מצוה זאגט מען א ברכה אשר קדשנו במצותיו, דער אייבערשטער האט אונז מקדש געווען מיט די מצוות. ווען ער טוט אן תפילין, איז עס א קדושה. ווען ער טוט אן ציצית, איז עס א קדושה. יעדע מצוה וואס א יוד טוט, איז א קדושה. וואס איז דער שבת, אז דער שבת ווערט אנגערופן שבת קודש. - און נישט נאר עס ווערט אנגערופן קודש, שבת איז אחד מששים בעולם הבא (ברכות נז.), עס איז טאקע דא א געוויסע קדושה, וואס ווען דער שבת קומט אריין, שפירט ער עפעס א דערהויבענקייט אין זיך, מער ווי אן אנדערס מאל. איז דאך דער טייטש, אז עס ליגט עפעס אין די קדושה פון שבת. וואס ליגט אין די קדושה פון שבת מער פון אלע אנדערע מצוות וואס זענען אויך קודש.

**מען** זאגט שבת ביים דאווענען (בתפלת שחרית) ישמח משה במתנת חלקו, כי עבד נאמן קראת לו וגו', ושני לוחות אבנים הוריד בידו, וכתוב בהם שמירת שבת. אין די לוחות שטייט שמירת שבת. וואס שטייט אין די לוחות פון שמירת שבת? זכור את יום השבת לקדשו, דאס שטייט אין די לוחות. מען זאגט אבער נישט דעם פסוק פון זכור את יום השבת לקדשו, נאר וכן כתוב בתורתך, ושמרו בני ישראל את השבת. דו הייבסט אן ושני לוחות אבנים הוריד בידו, וכתוב בהם שמירת שבת, און דו ווילסט זאגן פסוקים פון שבת, נעם די פסוקים פון די לוחות. פארוואס זאגט מען וכן כתוב בתורתך, ושמרו בני ישראל את השבת.

**עס** שטייט אין **חידושי הרי"ם** (הובא בספר **ליקוטי יהודה** בפרשתנו), אז בשעת משה רבינו איז אראפגעקומען מיט די לוחות הראשונות, און ער האט געזעהן אז מען האט געמאכט דעם עגל, האט ער אראפגעווארפן די לוחות, ואשברם לעיניכם (דברים ט-יז), ער האט עס צעבראכן. האט דער חידושי הרי"ם געזאגט, אז אלע דיברות פון די לוחות הראשונות זענען צובראכן געווארן, אויסער די מצוה פון שבת וואס איז געשטאנען אויף די לוחות, דאס איז געבליבן גאנץ, עס איז נישט צובראכן געווארן די אותיות פון די מצוה פון זכור את יום השבת לקדשו, עס איז געבליבן גאנץ. און דער **אמרי אמת** האט צוגעגעבן דערצו, אז דאס איז דער פשט וואס מען זאגט ביים דאווענען, ושני לוחות אבנים הוריד בידו, געווענליך טייטשט מען אז ער האט מוריד געווען, ער האט אראפגעברענגט פון הימל די שני לוחות. זאגט ער, ושני לוחות אבנים הוריד בידו, משה רבינו האט גענומען די שני לוחות, און ער האט עס אראפגעווארפן פון זיין האנט, אבער וכתוב בהם שמירת שבת, די מצוה פון שמירת שבת איז כתוב, עס איז געבליבן אינעווייניג, עס איז נישט צובראכן געווארן.

**די** גמרא (עירובין נד.) זאגט, אלמלא נשתברו לוחות הראשונות, ווען מען וואלט נישט צובראכן די לוחות הראשונות, וואלט א מענטש נישט פארגעסן וואס ער האט געלערנט. עס איז געווען אזא קדושה אין די לוחות הראשונות, אז אלעס וואס איז דא אין די לוחות הראשונות איז א נצחי. די לוחות איז געווען מעשה אלקים, די כתיבה איז געווען פונעם אייבערשטען. ווען עס איז צובראכן געווארן די לוחות הראשונות, איז געקומען שכחת התורה, עס איז שוין נישט קיין נצחי. משה רבינו'ס הענט האבן געמאכט די לוחות שניות, עס האט שוין נישט דעם נצחיות פון פריער. א צווייטע זאך שטייט אין די גמרא (שם), אלמלא

נשתברו לוחות הראשונות, וואלט קיין שום אומה ולשון נישט שולט געווען אויף יודען. לוחות הראשונות האט געהאט דעם כח, אז א גוי וואלט נישט געהאט קיין שליטה אויף א יוד.

**איך** מיין אז מיט דעם פארשטייט מען, וואס עס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן רסז) אז ביי די ברכה פון השכיבנו זאגט מען שומר עמו ישראל לעד, אבער שבת זאגט מען הפורש סוכת שלום. פארוואס זאגט מען נישט שומר עמו ישראל לעד, אזוי ווי א גאנצע וואך. זאגט דער **טור**, ווייל עס שטייט אין מדרש (זוה"ק ח"א מח.), אז שבת דארף מען נישט בעטן אויף קיין שמירה, ווייל שבת היט יודען, שבת איז א שמירה. דער **פרישה** דארט אויפן פלאץ פרעגט א קשיא, פארוואס דארף מען ליינען קריאת שמע פרייטאג צו נאכטס, ביי פסח ווייסן מיר, אז עס איז א ליל שימורים (שמות יב-מב), ליינט מען נישט קיין קריאת שמע, דארף מען דאך שבת אויך נישט ליינען קיין קריאת שמע, ווייל עס איז ליל שמירה. זאגט דער פרישה, שבת איז טאקע דא א שמירה, אבער עס איז נאר א שמירה פון די פיינט, אבער עס איז נישט קיין שמירה פון די מזיקים. פרייטאג צו נאכטס זענען שולט די מזיקים, עס איז מזל שבתאי (פסחים קיב:), פון דעם האט מען נישט קיין שמירה, דארף מען זאגן שיר של פגעים, דארף מען זאגן קריאת שמע מיט ויהי נועם. אבער פסח איז א ליל שימורים אפילו פון די מזיקים, אין מצרים איז דעמאלטס געווען א ליל שימורים פון די מזיקים, ממילא דארף מען נישט זאגן קיין שיר של פגעים. וואס איז עפעס שבת אנדערש, אז עס איז א שמירה פון די פיינט, און עס איז נישט קיין שמירה פון די מזיקים.

**נאר** לויטן חידושי הרי"ם איז דאך שמירת שבת נישט צובראכן געווארן פון די לוחות, עס איז געבליבן די שמירת שבת. די גמרא זאגט דאך, אז ווען מען וואלט מקבל געווען די לוחות הראשונות, וואלט קיין אומה ולשון נישט שולט געווען אויף אונז. און אז שמירת שבת איז געבליבן אין די לוחות, איז אין שבת נישט שולט קיין אומה ולשון אויף יודען. שבת איז געבליבן אזוי ווי די ארגינעלע לוחות הראשונות. דאס איז גוט אויף אומה ולשון, ווייל דאס איז געלעגן אין די לוחות הראשונות, אז עס זאל נישט שולט זיין, אבער אויף מזיקים איז דאס נישט געלעגן אין די לוחות הראשונות, קומט אויס, איז שבת א שמירה פון די אויבים, אבער עס איז נישט קיין שמירה פון די מזיקים. ממילא זאגט מען נישט קיין שומר עמו ישראל לעד, ווייל דאס איז מען מתפלל אויף די אויבים, אבער שיר של פגעים דארף מען זאגן, ווייל מען דארף האבן א שמירה פון די מזיקים.

**קומט** אויס, אז דער שבת האט אין זיך א נצחי פון לוחות הראשונות. אין די לוחות הראשונות איז געווען א געוואלדיגע אור, א געוואלדיגע ליכטיגקייט, וואס איז א נצחי, עס איז געבליבן אויף שטענדיג. אלע מצות פון די תורה זענען געלעגן אין די לוחות, און פון אלע מצוות פון די תורה, איז שבת געבליבן פון די לוחות הראשונות. דער אור פון שבת איז א אור וואס איז נישט דא אין אנדערע מצות. ממילא וועגן דעם איז אין שבת דא אזא דערהויבענער זמן פון קדושה, וואס איז א נצחיות'דיגע קדושה, ווייל אין שבת איז געבליבן די ליכטיגקייט פון די לוחות הראשונות, וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו.

**זאגט** מען, ושני לוחות אבנים הוריד בידו, וכתוב בהם שמירת שבת, אפילו ער האט עס מוריד געווען מידו, איז געבליבן די שמירת שבת, ווייל וכן כתוב בתורתך, דאס אז שבת איז א נצחי, דאס שטייט אין די תורה, ביני ובין בני ישראל אות הוא לעולם. אנדערע מצות זענען צובראכן געווארן, עס איז געווארן א שבירה, אבער שבת איז געבליבן גאנצערהייט, וועגן דעם האט שבת אין זיך אזא געוואלדיגע מעלה.

**ויקהל** משה, משה רבינו איז יעצט אראפגעקומען מיט די לוחות שניות. און ממחרת יום הכיפורים האט ער אנגעהויבן צו לערנען מיט יודען די תורה וואס ער האט מקבל געווען פונעם אייבערשטען. איין מצוה איז אים געבליבן פון די לוחות הראשונות, די מצוה פון שבת, און נאכדעם האט ער געקענט אנהייבן פון די לוחות שניות. ממילא האט משה רבינו מקדים געווען די מצוה פון שבת, ווייל עס איז אים געווען חביב די מצוה פון שבת, ווייל דאס איז אים געבליבן פון די לוחות הראשונות. האט ער אנגעהויבן קודם מיט די מצוה פון שבת, און נאכדעם איז ער צוגעגאנגען צו די איבריגע חלקים פון תורה, וואס איז שוין געווען פון די לוחות שניות.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של נכדת ש"ב **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש בראשוב. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **עקיבא זינגער** הי"ו.

אחר כך הגיע **כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א** (18 עוו.) לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו שליט"א התעניין על מצב בריאותו**

**א' מהנוכחים:** דער רב האט כתבים פונעם זיידען (האדמו"ר מסקאליע זצ"ל)?

**רבינו:** איך האב כתבים פונעם זיידען?

**האדמו"ר מסקאליע:** איינער האט אונז געזאגט, אז דער רב האט געשריבען תורות, וואס דער רב האט געהערט פונעם זיידען.

**רבינו:** עס איז דא אפשר פון **מיין טאטע ז"ל** וואס ער האט געשריבען סיפורי מעשיות וואס ער האט געהערט פונעם **סקאליע רבי'ן** זומער אין קאנטרי (בעת ששהו ביחד במלון אשל בליווינגסטן מענאר). ער פלעגט פאר זיך אויפשרייבען אסאך מאל זאכען וואס ער האט געהערט, שרייבט ער, שמעתי, איך האב געהערט פונעם סקאליע רבי, די און די זאך.

**האדמו"ר מסקאליע:** איך געדענק, איך פלעג דארט צו שטיין אונטער אייער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) ביים דאוונען. דער זיידע איז געזעסן ביים ארון הקודש, א קליינע ארון הקודש איז געווען, און איך בין געשטאנען נאכדעם, עס איז געווען אזא פענסטער דארט, ער האט זיך דאך באהאלטן, ער איז געווען זייער א באהאלטענער. ער האט זיך באדעקט מיטן טלית, און יעדן שבת ביי די פסוקי דזמרה, האט ער גע'בוכה'ט נישט נארמאל. אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן רפח) שטייט אז מען מעג נישט, אבער אויב עס איז א תענוג, מעג מען דאך.

**רבינו:** רבי עקיבא האט געוויינט שבת (בעת אמירת שיר השירים. הובא **בטורי זהב** שם סק"ב).

**רבינו:** דער זיידע האט געדאווענט עקסטער אין א שטוב.

**האדמו"ר מסקאליע:** יא יא.

נאכדעם געדענק איך אויך, אז דער טאטע פלעגט זיצען אין בית המדרש אליין, שעות ארוכות נאכען דאווענען. כמדומה לי, איך בין נישט זיכער, אבער אזוי דאכט זיך מיר, אז ער האט נאך אנגעהאט טלית און תפלין.

**רבינו:** ער פלעגט צו זיצען מיט די טלית און תפלין.

**האדמו"ר מסקאליע:** און דעמאלטס האט ער געשריבען די רמזים אויף תהלים. ווען ער האט אמאל נישט געזעהן, האב איך געכאפט א בליק וואס דאס איז. - איך געדענק איינמאל, ער פלעגט צו זיצען אינדרויסן, און ער האט געהאט אזעלכע גליונות, און ער האט עס מגיה געווען. און איך פלעג דאך קומען צום זיידען, גיין און קומען, אהין און צוריק. איינמאל האט ער מיר אפגעשטעלט, און ער זאגט מיר, יונגערמאן, איך פארשטיי אז דו וואונדערסט דיך, אז עס זיצט א אלטער רב, און שרייבט. זאגט ער, איך בין געווען מורא'דיג נאנט מיט מיין זיידען דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל**. און דאס וואס איך ווייס, און איך האב געזעהן, ווייסט קיינער נישט היינט. און דער אייבערשטער זאל העלפן משיח זאל שוין קומען, אבער טאמער נישט, וויל איך אז עס זאל בלייבען לדורות, אז מען זאל וויסן ווער דער שאמלויא'ער רב איז געווען. ער האט דעמאלטס געשריבן די הקדמה אויפן **לחם שלמה**.

**רבינו:** ער האט דעמאלטס געשריבען א לאנגע הקדמה.

**האדמו"ר מסקאליע:** אונז זעמיר געווען דארט אסאך זומער'ס צוזאמען להבחל"ח. מיין זיידע האט זייער געהאלטן פונעם טאטן. ער פלעגט מיר אלעמאל בעטן אז איך זאל געוואר ווערן צו דער **סאמבאטהעלער רב** איז שוין דארט. האט איך געפרעגט דעם זיידען, און אויב דער סאמבאטהעלער רב וועט מחליט זיין צו גיין ערגעץ אנדערש, ער וועט נישט קומען דארט, וואס וועט זיין? האט ער געזאגט, טאמער דער סאמבאטהעלער רב גייט נישט אהין, גיי איך אויך נישט.

דארט איז געווען איינגעפירט, אז דער זיידע ביי שלש סעודות, ער האט דאך געהאט א אנדערע נוסח. ער האט געזאגט נשמת, דאס האט ער געזאגט

ביי זיך אין צימער, און נאכדעם איז ער אראפגעקומען. בדרך כלל פלעגט ער זאגן ה' מלך ה' מלך, נאך נשמת. המלך היושב על כסא רם ונשא, ה' מלך ה' מלך וכו'. [זיין פאטער פלעגט זאגען נשמת ביז וימליכו את שמך מלכנו תמיד, ה' מלך ה' מלך. נאך די ביטערע קריג וואס איז געווען, די צווייטע וועלט מלחמה, האט ער געזאגט ה' מלך נאך שועת עניים אתה תשמע, צעקת הדל תקשיב ותושיע וכו']. ווען ער פלעגט אראפקומען, האט מען אנגעהויבן צו זינגען בבואו מאדום, און ער האט געזאגט ה' מלך, און נאכדעם האט ער געזאגט תורה.

מען פלעגט אים געבן א פסוק. איך געדענק אז דער סאמבאטהעלער רב פלעגט זיך רעגן, טאמער מען האט אים געגעבן עפעס אזא פסוק. פארוואס קען מען נישט געבן א נארמאלער פסוק. מען ווייסט דאך אז ער קען, ער קען זאגן אויף אלע פסוקים, זאל מען געבן א פסוק אז מען זאל...

**רבינו:** איך האב אויך געהערט כמה פעמים פון מיין טאטע ז"ל, אז דער זיידע פלעגט אלץ מכבד צו זיין, אמאל פאר דעם און אמאל פאר יענעם, אז ער זאל זאגען א פסוק. און די חסידים וואס האבן געוואלט, פלעגן אויסצוזוכען דעם שווערסטן פסוק וואס איז דא אין די פרשה, זעהן צו ער קען זאגן דערויף. עס האט גענומען אפאר מינוט, מען האט געזינגען א זמר, נאכדעם וואס מען האט אים געזאגט דעם פסוק.

**האדמו"ר מסקאליע:** אינדערהיים איז נישט געווען אזוי, נאר מען האט געזאגט א פסוק, און ער האט תיכף געזאגט.

**רבינו:** דא איז געווען, מיין איך, אז מען האט געזינגען נאכדעם א זמר, און נאכדעם האט ער געזאגט. מיין טאטע ז"ל פלעגט זאגען, איך זוך אייביג אויס דעם גרינגסטען פסוק אויף וואס ער זאל זאגען. ווייל אז מען זאגט שוין, זאל מען זאגען אז דער עולם זאל קענען פארשטיין, און הערן, און עס זאל עושה רושם זיין.

**האדמו"ר מסקאליע:** איך געדענק אמאל פרשת וארא אז א יונגערמאן האט אים געזאגט די פסוק (שמות ט-לב) והחטה והכסמת לא נכו, כי אפילות הנה. זאגט אים דער זיידע, זאג נאר יונגערמאן, דו קענסט מיר אפשר זאגען פשוט פשט אין דעם פסוק?!

איך געדענק וואס ער האט געזאגט, אז 'חטה' איז בגימטריא כ"ב, דאס איז די כ"ב אותיות התורה, דאס איז תורה שבכתב. 'והכסמת' איז די אותיות והמסכת, דאס איז תורה שבעל פה. דער וואס איז עוסק בתורה שבכתב און תורה שבעל פה, לא נכו, ביי אים איז נישט שולט קיין שום חסרון, ווייל די תורה איז מגנא ומצלא (סוטה כא.). כי אפילות הנה, האט ער געזאגט, אז אפילות איז צוויי אלף'ס, א' חכמה און א' בינה, אויף דעם האט ער אויסגעטייטשט דעם פסוק, ער האט מאריך געווען אביסל אין דעם ענין פון אפילות הנה.

איינער האט אמאל פרשת חיי שרה געגעבן דעם פסוק (בראשית כה-טו) חדד ותימא יטור נפיש וקדמה. געדענק איך אז ער האט געזאגט זיבן אופנים. איך וועל נאר איבערזאגן איין אופן, ער האט גענוצט א הקדמה פונעם הייליגען **רבי ר' ברוכ'ל פון מעזבוז** (הובא בספר **בוצינא דנהורא**), וואס איז דאס רזא דשבת איהי 'שבת' דאתאחדת ברזא דאחד (זוה"ק ח"ב פח:), אזוי שטייט דאך כד עייל 'שבתא' איהי אתאחדת, פארוואס דא שטייט רזא 'דשבת' איהי 'שבת'. האט ער געזאגט אז דער רבי ר' ברוכ'ל פלעגט זאגען רזא 'דשבתא' איהי שבת. האט דער רבי ר' ברוכ'ל אמאל געזאגט פשט אויף דעם, אז אונקלס הגר האט דאך מתרגם געווען די תורה, און ער האט נישט אלעמאל מתרגם געווען די תרגום מילולי. למשל וירד ה' (שמות יט-כ), זאגט ער נישט ונחת ה', נאר ואתגלי ה'. ווייל עס איז נישט קיין דרך ארץ, דער אייבערשטער דארף עפעס אראפקומען פון הימל, ונחת, נחית דרגא? אזוי האט ער אסאך מאל געטוישט דעם לשון מפני כבודו של המקום. ביי שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד (דברים ו-ד), זאגט ער 'חד', איז געווארן א גרויסע קיטרוג אויף אים, ווייל דער א' פון אחד, זאגט דאך די גמרא (ברכות יג:) ווייזט אויף יחודו יתברך, ח' אז ער איז מלך אויף די שבעה רקיעים און אויף דער ארץ, ד' אויף די ד' רוחות. פארוואס האט ער געמאכט פון 'אחד' 'חד'. האט דער רבי ר' ברוך געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש, אז אונקלוס האט געוואלט מתקן זיין דעם קיטרוג, האט ער געמאכט פון שבת, שבתא. ער האט צוגעלייגט א א', אז עס זאל מכפר זיין אויף דעם חד פון אחד. [איך האב אמאל געפרעגט דעם זיידען וואו דער מדרש איז, האט איך געכאפט א פסק, אז דער רבי ר' ברוכ'ל זאגט, פרעגסטו וואו דער מדרש איז?! דער רבי ר' ברוכ'ל אליין איז געווען א מדרש!].

האט ער געטייטשט אזוי, 'חדד', דער ד' פון אחד, איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי א געהעריגע ד'. ביים ד' רבתי האט דער אנקלוס געשריבן חד, 'תימא', עס איז א קשיא, היתכן. פארדעם 'יטור', ביי שמירת שבת,

ושמרו בני ישראל את השבת, 'נפיש', האט ער מוסיף געווען, 'וקדמא', דער א' וואס ביי 'אחד' איז עס געווען קודם דאס ווארט, האט ער צוגעלייגט ביים 'שבתא' נאך דעם ווארט. דאס איז געווען א מין בליץ.

נאך א אופן געדענק איך אז ער האט געזאגט, אז דער **אר"י הק'** האט געזאגט זעקס אופנים פלפול, נאכדעם האט ער געזאגט א סוד, ווייל ער האט געוואלט צוברעכן די קליפות, אז זיי זאלן נישט קענען יונק זיין פונעם סוד (עיין **שמן ראש** ל"ג בעומר ח"ב דף קכב). פארדעם איז דאך, אז ווילאנג מען איז נישט ממלא כריסו בש"ס ופוסקים, האסטו נישט קיין שמירה, קענען יענע חברה נהנה זיין דערפון. האט ער געזאגט, 'חדד ותימא', מעשה חידודים און תמיהות און קשיות, 'יטור נפיש', היט דעם נפש, אז מען זאל נישט ניזוק ווערן, 'וקדמא', דאס מוז זיין פאר מען זאגט דעם סוד.

**רבינו:** ווען איך בין געווען א יונגעל בין איך געווען ביים זיידען שבועות.

**האדמו"ר מסקאליע:** דעמאלטס פלעגט ער דערציילען די מעשה פון פטירת בעל שם טוב.

**רבינו:** ער פלעגט אויך זאגען א שיינעם דרוש, דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב אים געהערט רעדן. און דעמאלטס האט ער נאכגעזאגט, אז שבועות הייסט עצרת, ווייל עס שטייט אין **חסד לאברהם** (מעין שני נהר נ"ט), אז תש"ס וועט זיין די גאולה העתידה, און שבועות האט מען מקבל געווען די תורה, אין זכות פון תורה וועט מען ארויסגיין פונעם גלות, און דאס וועט צוברענגען עצרת. עצרת איז בגימטריא תש"ס, די גאולה וואס דארף זיין אין תש"ס, וועט זיין אין זכות פון קבלת התורה, וואס מען איז מקבל אין עצרת (עיין **בשמן ראש** לשבועות ח"א דף תסד).

**האדמו"ר מסקאליע:** איך האב אמאל געהערט פון אים, אז שבועות ענדיגט זיך מיט א ת', און סוכות אויך מיט א ת', און פסח מיט א ח'. ווייל פסח איז א זמן פון יציאת מצרים, עס ווערט נתעורר די ענין פון יציאת מצרים. און עס שטייט דאך (מיכה ז-טו) כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, און עס שטייט (שמות יב-מב) ליל שימורים היא לה' וגו' לדורותם, אז ליל יציאת מצרים וועט זיין די גאולה העתידה. פארדעם ענדיגט זיך פסח מיט א ח', ווייל עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז די חיצונים לעבן פון די רגל הת', דארט אויף די לינקע זייט, פון דארט זענען זיי יונק, אז נישט, וואלטן זיי נישט געקענט עקזיסטירן. דוד המלך זאגט (תהלים כו-יב), רגלי עמדה במישור, זאגט דער **זוהר הק'**, מה רגל כאטש ער איז געווען דער סוף פון אות ת, מלכות, און מלכות רגליה יורדת, אבער איך האב נישט געלאזט אז די חיצונים זאלן פון מיר נהנה זיין, רגלי עמדה במישור. וועגן דעם הייסט עס פסח, וועל ער האט געמאכט פונעם ת' א ח'. אינמיטן א לאנגען דרוש האט ער עס געזאגט.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען ווייטער אויך להגדיל תורה ולהאדירה, מיט בריאות השלימות, מען זאל זיין געזונט און שטארק, מיט נחת און הרחבה.

**האדמו"ר מסקאליע:** אמן. והמברך יתברך, דער רב זאל זיין געזונט און שטארק, צוזאמען מיט די בני בית, לאורך ימים ושנים טובים. מען זאל קענען מרביץ תורה זיין, און מחדש זיין חידושים, קיין עין הרע, א וואסער איז דאך כיון דרווח רווח (סנהדרין ז.).

**רבינו:** תורה איז דאך נמשלה למים (בבא קמא יז.).

**האדמו"ר מסקאליע** (המשיך עוד בדברי תורה ואגדה בכמה ענינים): מען דארף ענדיגען מיט עפעס א גוטע זאך. דער **רוזינער** איז אמאל געקומען קיין לעמבערג זיך דאקטער'ן, און די מענטשען וואס האבן זיך געדרייט ארום דעם **ישועות יעקב**, האבן אים געגעבן צו פארשטיין אז ער איז דער רב אין לעמבערג, דער רבן של כל בני הגולה, און דער רוזינער איז א יונגערמאן, און נישט קיין גרויסער למדן, און עס פאסט נישט אז ער זאל גיין צו אים. דערווייל איז דער לעמבערגער רב געוואר געווארן אז טויזנטער יודען האבן אים אפגעווארט, האט ער זיך זייער געבייזערט אז מען האט אים אפגערעדט. האט ער געזאגט, אז טויזנטער מענטשען זענען מחשיב א מענטש, איז דאך עס כבוד הציבור, איז ער אים געגאנגען באזוכן, און נאכדעם איז דער רוזינער צוריק געגאנגען. ווען דער רוזינער איז אוועקגעפארן איז ער שוין געגאנגען באגלייטען מיטן גאנצן בית דין, און דער רוזינער איז געווען פארטראכט, ער האט נישט גערעדט קיין איין ווארט, פלוצלונג האט זיך דער רוזינער אויפגעכאפט פון זיין דביקות, און ער גיט זיך א רוף אן, טייערע הארציגע זיסע ברודער, זייטס מיר אלע געזונט און שטארק. און דער ישועות יעקב האט זיך אויסגעדרייט צו זיין בית דין, און ער האט געזאגט, מיין באבע ע"ה פלעגט זיך פון אונז אויך אזוי געזעגענען. עס האט אים פארדראסען אז ער האט נישט געזאגט א דבר תורה. און דער רוזינער האט עס מרגיש געווען, האט ער

געפרעגט, לעמבערגער רב וואס איז דער מהומה. האט ער אים געזאגט, איך האב געמיינט אז מען וועט הערן עפעס א דבר תורה. האט דער רוזינער געזאגט, איך האב דאך געזאגט א דבר תורה. דער **טור** הייבט זיך אן (או"ח סימן א'), רבי יהודא בן תימא אומר, הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים, האב איך געזאגט די ערשטע הלכה אין שלחן ערוך. כדי צו זיין קל כנשר דארף מען זיין געזונט, און כדי מען זאל לויפן ווי א הערש דארף מען זיין שטארק ווי א לייב. - מען דארף אבער זיין כפשוטו געזונט...

**רבינו:** עס איז ביי מיר זייער חשוב. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל ווייטער קענען הערן גוטע בשורות.

**וכיבדו רבינו שליט"א בספר שמן ראש, וליוהו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

***יום שלישי פרשת פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **משה ארי'** נ"ו בן הר"ר **נחמי' גיידא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם פרייליך** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **בנציון וויסבערג** הי"ו.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **נחמי' גיידא** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת פקודי***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל חלוקת פרסים לתלמידי הישיבה קטנה, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**משנכנס** אדר מרבין בשמחה, און באדר שני לכולי עלמא, עס איז נישט דא קיין גרעסערע שמחה ווי שמחת התורה. מען איז זיך צוזאמגעקומען צו די חלוקת פרסים פאר די בחורים וואס האבן זוכה געווען מסיים צו זיין די מסכתא. עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר זיי אליין, וואו זיי זענען אנגעקומען, און עס איז א שמחה צוזאמען מיט די עלטערן, וואס די עלטערן קומען שעפן נחת. מען פלאגט זיך פאר קינדער, ואת עמלינו אלו הבנים, וויפיל געלט און צער און עגמת נפש עלטערן גייען אדורך, ביז מען זעהט א קינד ערצויגן ווי עס דארף צו זיין. און אז מען זעהט קינדער פארהערן זיך, און זיי קענען מסכתות, איז עס א עקסטערע כיבוד אב וואס מען איז מקיים, מיט דעם וואס מען לערנט.

**די** פרשה די וואך, און די אלע לעצטערע פרשיות, רעדן פון בויען א משכן פארן אייבערשטען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל בויען א מקדש. אין מדבר האט מען געבויט דעם משכן, און שפעטער אין ירושלים דעם בית המקדש. און בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. עס איז א לימוד פאר יעדן איינעם, צו מאכן ביי זיך א מקדש פארן אייבערשטען, ער זאל זיין א מקום וואו עס זאל קענען זיין ביי אים השראת השכינה. ושכנתי בתוכם, נישט נאר איך וועל רוהען אינעם מקדש, נאר איך וועל אויך רוהען אין זיי. יעדע נקודה וואס מען זעהט אין משכן, לערנט אונז א זאך פאר אונז אליין, ווי אזוי אונז מאך מיר זיך א משכן פארן אייבערשטען.

**די** הפטורה די וואך רעדט פון שלמה המלך, וואס ער האט אויפגעבויט דעם בית ראשון, ווען מען איז אריינגעקומען אויף ארץ ישראל. און ווען ער האט מחנך געווען דעם בית ה', דערציילט דער פסוק (מלכים א ח-יב), וואס שלמה המלך האט דעמאלטס געזאגט. ער זאגט אזוי, אז אמר שלמה, שלמה המלך האט דעמאלטס געזאגט, ה' אמר לשכון בערפל, דער אייבערשטער האט געזאגט, איך גיי רוהען אין א וואלקן, אין א פארנעפלונג וועט דער אייבערשטער רוהען. בנה בניתי בית זבול לך, זאגט שלמה המלך פארן אייבערשטען, איך האב דיר געבויט א בית זבול, א פלאץ צו וואוינען, מכון לשבתך עולמים, דו זאלסט קענען דארטן וואוינען אויף שטענדיג.

**ער** הייבט אן, ה' אמר לשכון בערפל, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז ער וועט רוהען אין א

נעפל. און מען זעהט, אז דער אייבערשטער האט געהייסן בויען א משכן, בעפאר מען איז נאך אריינגעקומען אויף ארץ ישראל, בעפאר מען איז נאך געווען באזעצט וואו צו וואוינען, האט מען געבויט א משכן פארן אייבערשטען אין א מדבר. די התחלה פאר א משכן פארן אייבערשטען איז געבויט געווארן אין א מדבר. שפעטער ווען מען איז ארויסגעגאנגען פונעם מדבר, און מען האט זיך באזעצט, האט מען געבויט א שענערן בית. דער משכן איז נישט געווען מער ווי פון העלצער צוזאמגענומען, א פראוויזאריש ארט. נאכדעם האט מען געבויט א בית המקדש. און גדול בית אחרון פון בית ראשון, דער צווייטער בית המקדש איז געווען נאך שענער פון דעם ערשטן בית המקדש. עס איז געגאנגען בהדרגה, מען האט אנגעהויבן מיט א משכן, מען האט נאכדעם געבויט א בית, נאכדעם האט מען געבויט נאך א שענערן בית.

**דעם** ערשטן בית האט מען געבויט פארן אייבערשטען אין מדבר. וואס דאס לערנט אונז, אז א מענטש דארף בויען א משכן פארן אייבערשטען אין די ימי הנעורים, אין די יונגע יארן וואס מען האט, וואס הייבט זיך אן אזוי ווי מען האט געבויט א משכן פארן אייבערשטען אין מדבר. זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך (ירמיה ב-ב), ווען יודען זענען ארויסגעקומען פון מצרים, דאס זענען די יונגע יארן פונעם כלל ישראל. שפעטער האט מען געבויט א מקדש פארן אייבערשטען, און נאכדעם נאך א שענערע מקדש. אבער די התחלה פון די ימי הנעורים פון יודען איז געווען אין מדבר, דארט האט מען געבויט דעם ערשטן משכן.

**א** מדבר ווייסט מען, איז נישט דא קיין שום זאך דארטן מער ווי הימל און ערד. עס איז נישט דא קיין ביימער, עס איז נישט דא קיין געוויקסן, עס דרייען זיך נישט ארום דארטן קיין בהמות און חיות, עס איז נישט דא קיין שום זאך, נאר דער מענטש, מיט הימל און ערד. און דער אייבערשטער האט גענומען די ימי הנעורים פון יודען, און ער האט זיי געזאגט, **דו ווילסט בויען א משכן פארן אייבערשטען, מען בויט נישט קיין משכן פארן אייבערשטען שפעטער אויף דער עלטער ווען מען איז שוין באזעצט, און מען וואוינט אין געהעריגע שיינע דירות. אז דו ווילסט שטייגן אין תורה, דארפסטו וויסן, אז דו דארפסט זיין אזוי ווי א מדבר! דו דארפסט פארגעסן פון אלעם ארום און ארום, פארגעסן אז עס איז דא א שטוב, עס איז דא הייזער, עס איז דא וואס צו גיין זעהן, עס איז נישט דא גארנישט! עס איז נישט דא קיין טעלעפאן, עס איז נישט דא קיין צייטונגען, עס איז נישט דא קיין שום זאך דארטן מער ווי הימל און ערד, און די תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן. אזוי דארף מען בויען א משכן. איבערלאזן אלעס פון עולם הזה, און זיך מפקיר זיין פאר תורה! און אז מען איז זיך מפקיר פאר תורה אין די יונגע יארן, דאס באגלייט דעם מענטש שפעטער, אז שפעטער ווען ער גייט ארויס אויף דער וועלט, זאל ער קענען זיין ערליך, און קענען אויפשטעלן נאך א שענערן מקדש פארן אייבערשטען פון וואס מען האט אנגעהויבן.**

**ד'** התחלה, די ימי הנעורים, קומט פאר א מענטש אן מיט שווועריקייטן. מען איז יונג, עס ציהט נאך צו הבלי עולם הזה, און עס איז זייער שווער ביז מען הייבט זיך אן צו געוואוינען זיך משעבד זיין, אוועקגעבן דעם גאנצן טאג פון צופרי ביז ביינאכט אויף לימוד התורה, און זיך צו פלאגן אויפן לערנען, און צו שטייגן אין לערנען, צוברעכן די מידות וואס מען האט, און שטייגן אין עבודת ה'. אבער נאר די התחלה וואס איז שווער, אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא. אז מען הייבט אן צו בויען א משכן פארן אייבערשטען אין א מדבר, שפעטער שטייגט מען אויס, און מען בויעט א שענערן משכן! **די אלע וואס האבן אוועקגעגעבן זייערע יונגע יארן פארן אייבערשטען, האבן שפעטער א שיין רוהיג לעבן. מען בויעט שטובער פון תורה, שטובער פון קינדער תלמידי חכמים, אייניקלעך תלמידי חכמים, און אלעס איז נאר צו פארדאנקען אויף די יונגע יארן וואס מען האט אוועקגעגעבן פאר תורה.** ווער עס האט נישט געהאט קיין שכל דאס אויסצונוצען, ליידט דערפון שפעטער אלע זיינע יארן נאכדעם. די יונגע יארן איז געגעבן געווארן, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה (אבות ו-ד), זיך אפזונדערן פון עולם הזה, זיך אוועקגעבן נאר פאר תורה. אז מען בויט א משכן פארן אייבערשטען אין א מדבר, איז מען זוכה שפעטער אז מען קען בויען א מקדש, און נאכדעם נאך א שענערן בית, נאך א שענערן מקדש.

**האט** שלמה המלך געזאגט, ה' אמר, דער אייבערשטער האט געזאגט, לשכון בערפל, ער גייט נאר רוהען אין א פלאץ וואו עס איז פארנעפלט, אין א פלאץ וואס מען זעהט גארנישט. אין א נעפל איז אלעס פארהוילען, עס איז נישט דא וואס צו זעהן, עס איז נישט דא וואס צו קוקן, עס איז נישט דא וואו צו גיין, עס איז נאר ארומגענומען מיט א ענן, דארט האט דער אייבערשטער געזאגט אז ער גייט רוהען. ווען א מענטש גיט זיך אוועק די יונגע יארן צו זיין אין א ערפל, עס אינטערעסירט אים גארנישט ארום און ארום, דארט איז דא השראת השכינה. אז אמר, דאס האט דער אייבערשטער געזאגט אויף די יונגע יארן פון כלל ישראל, אבער יעצט איז שוין בנה בניתי בית זבול לך, יעצט בוי איך שוין פאר דיר א שיינעם הויז, מכון לשבתך עולמים, וואס דארטן וועט קענען רוהען די שכינה אויף שטענדיג.

*

**עס** איז יעצט די חלוקת פרסים פון די מסכתא וואס מען האט געלערנט. איך בין נישט אזויפיל אין ישיבה בשעת מען לערנט, אבער זומער בין איך דאך מער צוזאמען מיט די בחורים, און זומער איז דאך די צייט וואס מען קוקט צו, ווי אזוי די בחורים חזר'ן איבער אלעס וואס מען האט געלערנט. סוף פונעם יאר, די צווי חדשים פון זומער, איז דאך כמעט מוקדש, אויף איבערצוגיין אלעס וואס מען האט געלערנט אינעם יאר. די אלע וואס האבן זיך פארהערט מסכת נדרים, איז דאך דאס געווען אין די זומער חדשים ווען מען איז געווען אינעם קעמפ. איך האב צוגעזעהן די עמילות התורה. יעדע וואך איז צוגעקומען אויפן צעטיל נאך נעמען און נאך נעמען, מען האט זיך שוין פארהערט נאך א פרק און נאך א פרק, און אזוי ווייטער. און יעצט עסט מען די פירות דערפון. מען געדענקט די בחורים וואס האבן זיך געפלאגט, מען טוט זיי אנערקענען, מען איז זיי מחשיב, זיי באקומען זייער פרס אויף דעם וואס זיי האבן געלערנט.

**אבער** ווי מען האט שוין פריער געהערט, עס איז נישט נאר אזוי ווייט אויפן עבר, עס איז אויך אויפן עתיד. עס לערנט אונז, אז מען קען קענען איין מסכתא, קען מען קענען צוויי. אז מען קען צוויי, קען מען קענען דריי. איינמאל מען האט אדורכגעבראכן און מען האט געוויזן אז מען קען קענען א מסכתא, גיט עס חיזוק אויף שפעטער, אז מען וועט קענען נאך א מסכתא. אז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט מסיים געווען מסכת נדרים, איז יעדער א קאנדידאט אויף צו קענען מסיים זיין מסכת קידושין אויך. און ווי מען האט פריער גערעדט, כתה א' זענען נאכנישט צוגעקומען אז זיי זאלן זיך פארהערן א מסכתא, אבער זיי זענען אויך פעהיג דערצו. אז כתה ב' און כתה ג' קענען עס קענען, קענען זיי עס אויך קענען. אז מען לערנט פלייסיג, מען נוצט אויס יעדע וואך איבערצוחזר'ן וואס מען האט געלערנט, אז מען זאל עס פארשטיין, און מען זאל עס קענען, און מען חזר'ט עס איבער, איז נאכדעם די האלבע ארבעט שפעטער ווען מען דארף איבערגיין די גאנצע מסכתא. עס איז א לימוד צו געבן חיזוק פאר אונז אלע, צו וויסן אז אונז האב מיר א חלוקת פרסים אויף די מסכתא וואס מען האט געלערנט ביז יעצט, אונז זאל מיר זיין שפעטער פון די וואס וועלן האבן חלוקת פרסים אויף די קומענדיגע מסכתא וואס מען גייט לערנען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל וואקסן ווייטער תלמידי חכמים, אוועקגעבן זיך פאר תורה, געדענקען די ימי הנעורים, די יונגע יארן וואס מען האט יעצט, נישט זיין פארנומען מיט שטותים און הבלים, מיט זאכן פון עולם הזה, וואס מען האט דערפון גארנישט. א טאג שפעטער האט מען נישט פון די אלע הנאות וואס מען האט געהאט א טאג פריער. אבער וואס מען האט געלערנט, דאס בלייבט לעולמי עולמים, מכון לשבתך עולמים, דאס בלייבט אויף שטענדיג, מען בלייבט א תלמיד חכם, מען קען איין מסכתא און נאך א מסכתא. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען אויסנוצן די צייט צו וואקסן אין תורה. איך וויל וואונטשן פאר די עלטערן, דער אייבערשטער זאל זיי געבן, זיי זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה ביי 'די' קינדער און ביי אלע אנדערע קינדער. עס איז דאך חודש אדר, הדר קבלוהו בימי אחשורוש, מאהבה. קבלת התורה איז שוין געווען פארדעם, אבער אמאל איז דא וואס די קבלת התורה איז געצווינגענערהייט, אדר איז דער זמן וואס מען איז מקבל תורה מתוך אהבה, מיט א ליבשאפט צו שטייגן אין תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, זאל מען קענען אויסנוצן די צייט פון הדר קבלוה, מקבל זיין אויף זיך עול התורה.

**איך** וויל באדאנקן פאר די חשוב'ע מגידי שיעור וואס געבן אוועק אזויפיל צייט, אייגענע צייט, צו פארהערן די בחורים, און מיט האלטן מיט זיי, אז זיי זאלן קענען זיך פארהערן. דער חשוב'ער מנהל וואס גיט אוועק אויסערגעוועהנליכע כוחות אויף די הצלחה און אויף די התעלות פון יעדן בחור. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז זיי זאלן קענען שטייגן. דער חשוב'ער ראש ישיבה זאל זיין געזונט, דער באשעפער זאל אים געבן לאנגע געזונטע יארן, קענען מרביץ תורה זיין מתוך שמחה וטוב לבב, משפיע צו זיין פאר די בחורים וואס זיי דארפן צו האבן. און מיר אלע זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, און האבן א פרייליכן לוסטיגן חודש, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

*__יום חמישי פרשת פקודי__*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**.

*__קטע מתוך השיעור:__*

**(לב) ויעשו בני ישראל וכו'.** עוד נראה, כי כאן עשה הכתוב מחברת הכללות בקיום התורה. והראה כי בני ישראל יזכו זה לזה, והתורה נתנה להתקיים בכללות ישראל. כל אחד יעשה היכולת שבידו, ויזכו זה לזה. ואולי כי לזה רמז באומרו (ויקרא יט-יח) ואהבת לרעך כמוך, פירוש, לצד שהוא כמותך. כי בשלומו, ייטיב לך. ובאמציעותו, אתה משלים שלימותך. ואם כן, אינו אחר, אלא אתה בעצמך, וכאחד מחלקיך.

**דער** הייליגער **אור החיים הק'** האט דא צוגעשטעלט ואהבת לרעך כמוך, דו זאלסט ליב האבן דיין חבר, כמוך, ער איז אזוי ווי דו. יעדער יוד האט א שייכות און א חלק איינער מיטן אנדערן. און מען דארף ליב האבן איינעם דעם אנדערן, כמוך, אזוי ווי דיר אליין. מה דעלך סני, לחברך לא תעביד (שבת לא.), וואס דו ווילסט נישט אז מען זאל טון פאר דיר, טאר מען נישט טון פארן חבר. מיר זענען איין כלל ישראל, איינער איז דער האנט, און איינער איז דער פוס. ווען א מענטש טריפ"ט, און ער פאלט, ער האט נישט געגעבן א גוטען טריט מיט פוס, וועט ער נישט שלאגן זיין פוס, און זיין ברוגז אויף די פוס, פארוואס דער פוס האט עס אים געטון. ווען ער האט זיך אריינגעקלאפט ערגעץ די פינגער, וועט ער נישט שלאגען דעם גוף, פארוואס דער גוף האט עס גורם געווען. וועם שלאג איך? איך שלאג מיך אליין. ווען א מענטש קוקט אן, אז דער חבר איז אזוי ווי ער אליין, ער איז א אבר פון מיר, גאנץ כלל ישראל איז איין קומה שלימה. אויף דיר אליין ביסטו נישט ברוגז. אפילו דו האסט געטון פאר דיר א עוולה, וועסטו עס אראפשלינגען, און דו וועסט זיך נישט אפרעכענען דערמיט, אזוי דארף צו זיין ואהבת לרעך כמוך, דו זאלסט ליב האבן יענעם, אזוי ווי זיך אליין. מען טאר נישט פיינט האבן איינער דעם צווייטען, אפילו ווען ער האט געטון א עוולה, פיינט האבן מעג מען נאר יענעם, ווען יענער איז עובר א עבירה (רש"י שבת לב.). ביז דאס איז נישט דא, ער איז א ערליכער יוד, איז נישט דא קיין סיבה, אפילו ער האט דיר געטון א עוולה, וועט זיך דער אייבערשטער אפרעכענען מיט אים, עס האט נישט צוטון מיט דיר. יעדער יוד דארף וויסן, ער דארף ליב האבן דעם חבר אזוי ווי זיך אליין.

**עס** איז נוגע צו יעדן פרט, לא תונו איש את עמיתו, אפילו נאר א דיבור, איך טו אים נישט ווייי. **מען טשעפעט יענעם, מען זאגט א ווארט פאר יענעם, מען האט וויי געטון פאר יענעם, עס איז א לאו אין די תורה. און דאס איז דברים שכיחים, און כל שכן ביי בחורים, וואס מען זיצט צוזאמען, און מען לעבט צוזאמען פיר און צוואנציג שעה, מען איז נישט אייביג אין די זעלבע מאא"ד, נישט אייביג טוט דער חבר פונקט ווי אזוי ער האט געוואלט. דאס טאר נישט משנה זיין אין די אהבה, אין די ליבשאפט, עס זאל זיין א שנאה צווישן איינער און דעם צווייטען.** דער תרגום (שמות כג-ה) טייטשט, מען דארף איבערלאזן וואס דו האסט אין הארץ אויף יענעם, לא תשנא את אחיך בלבבך, און ליב האבן איינער דעם צווייטען.

**און** כל שכן צונעמען א זאך פון א חבר, א לאו פון לא תגזול, **מען טאר נישט גזל'ן, אפילו מען וויל עס צוריקגעבן, ער וויל אים נאר אנשטעלן א שטיקל, ער זעהט ווי יענער זוכט עס, און ער איז זיך מצער אז ער האט עס נישט. און ווי מער ער זעהט אז יענער איז זיך מצער, האט ער אלץ נאך א גרעסערע הנאה. עס**

איז דא א שמחה של מצוה, און עס איז דא א שמחה של עבירה אויך, מען האט אמאל א תענוג דערפון. דאס איז אלעס היפוך התורה. מען טשעפעט אמאל א מגיד שיעור, מען טשעפעט אמאל א משגיח אין ישיבה, אויף די אלע זאכען איז דא א דין וחשבון. די אלע זאכען ווערן אפגערעכנט שפעטער, עס איז נישט א זאך וואס בלייבט באהאלטן.

**וויפיל** מאל קומט פאר, אז מען קומט נאך די חתונה, און זאכען גייען נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין. און ער הייבט אן צו טראכטען, וואו האב איך איינעם אמאל מצער געווען, וואו האב איך אנגעשטעלט אמאל א שטיקל פאר מיין חבר, פאר מיין מגיד שיעור, פאר מיין משגיח וכדומה. מען הייבט אן איבערצוטראכטען וואס האב איך געטון, און מען איז זיך משים על הלב. איך באקום נאך היינט טעלעפאנען פון מענטשען וואס רופן מיך, אז איך זאל זיי מוחל זיין אויף א זאך וואס איך האב שוין לאנג פארגעסן אז זיי זענען מיר באגאנגען א עוולה. עס איז מעשים וואס איז זייער אפט. א מענטש איז זיך מתבונן, צו ווייל ער איז געווארן עלטער, האט ער איבערגעטראכט זאכען וואס ער האט געטון. צו וויפיל מאל איז דא וואס עס גייט נישט גוט, ער טרעפט נישט א שידוך. און ווען ער האט יא געטראפן א שידוך, פעלט אין שלום בית. עס פעלט אין פרנסה, נחת ביי די קינדער ח"ו, געזונט וכדומה. און דעמאלטס כאפט מען זיך, אז מען האט געטון א עוולה. פארוואס דארף מען ווארטען ביז עס קומט צוריק שפעטער, מען דארף האבן שכל נישט אנצוהייבן צו טשעפענען מיט א צווייטען. און אז מען האט יא געטשעפעט, מפייס זיין איינער דעם אנדערן.

**איך** ווייס פון א מעשה, א יונגערמאן איז געווען ביי מיר, [איך פארצייל עס, כדי מען זאל וויסן זיך צו לערנען], האט ער מיר פארציילט, אז ווען ער איז געווען אין ישיבה, האט ער אמאל אנגעשטעלט א שטיקל פארן מגיד שיעור, צו פארן מנהל, צו פארן משגיח. און פארן ראש ישיבה האט זייער געאהרט וואס מען האט געטון, און דער ראש ישיבה האט גע'דרשנ'ט אין ישיבה, אז מען האט געטון די און די עוולה, און ער בעהט אז ווער עס האט עס געטון זאל אריינקומען צו אים פריוואט, און פארציייילען אז ער האט עס געטון, און ער וועט פאר קיינעם נישט מפרסם זיין, און ער בעהט יעדע בחור וואס ווייסט דערפון, זאל קומען זאגען. פארציילט מיר דער יונגערמאן, איך בין געווען דער וואס האט עס געטון, און איך האב זיך נישט וויסענדיג געמאכט. די ישיבה איז קיינמאל נישט ארויפגעקומען אויף ווער עס האט געטון דעם שטיקל. זאגט ער מיר, אז עס איז אדורכגעגאנגען א שטיק צייט, און מיין פנים האט זיך פארקרומט, און איך האב נישט געקענט א שידוך טון. איך האב געזעהן אז עס איז צרות, איך האב עס תולה געווען אין דעם, בין איך געגאנגען און איך האב מפייס געווען דעם ראש ישיבה, [איך בין שוין געווען ארויס פון ישיבה]. און א שטיק צייט שפעטער האט זיך מיר צוריקגעדרייט דער פנים, און איך האב געקענט נארמאל א שידוך טון.

**איך** זאגט עס פשוט להתלמד, אסאך מאל שפילט מען זיך מיט פייער, מיט דעם וואס מען טוט א עוולה פאר יענעם, און שפעטער איז אין להשיב. מען דארף האבן שכל, ווען מען טוט א עוולה, דארף מען איבערבעטן, און האבן שכל מעיקרא נישט צוטון די עוולה. ואהבת לרעך כמוך, מען דארף ליב האבן דעם חבר אזוי ווי זיך אליין. פאר דיר וואלסטו נישט געוואלט אז דער חבר זאל עס טון, מה דעלך סני לחברך לא תעביד, ווען דו טוסט עפעס פאר א צווייטען, טראכט שטענדיג, ווען יענער וואלט עס געטון פאר מיר, וויפיל עס וואלט מיר ווי' געטון. און אז עס טוט פאר דיר ווי', טוט עס פאר יענעם אויך ווי', און אסאך מאל טוט עס פאר יענעם נאך מער ווי', פון וויפיל דו קענסט זיך פארשטעלן. מען דארף זיך היטן, די תורה זאגט, ואהבת לרעך כמוך, אזוי איז כלל ישראל. כלל ישראל אין א קומה שלימה, מיר זענען איין גוף, און איין אבר טשעפעט נישט דעם צווייטען אבר, אפילו ווען ער האט א טענה אויף דעם אבר, אפילו ווען ער האט זיך צובראכען די פוס, ווייל די פוס איז נישט געגאנגען גוט, איז ער נישט ברוגז אויפן פוס. אפילו ער האט געטון א עוולה, איז ער נישט ברוגז אויף זיך. אזוי דארף זיין ואהבת לרעך כמוך.

**דאס** זאגט די תורה, אז די זעלבע איז ביי די מצות פון כלל ישראל. כלל ישראל איז מצווה צו טון מצות התורה, כלליות התורה איז געגעבן געווארן פאר כלל ישראל. און יעדע מצוה וואס א יוד טוט, איז ער מזכה מיט דעם, דעם גאנצן כלל. לא ללמד על עצמו יצא, אלא ללמד על הכלל כולו יצא. דער אור החיים

**הק'** ברענגט ארויס, אז ווען מען וועט פרעגן, ווער האט געמאכט דעם משכן, קען יעדער זאגען איך האב געמאכט דעם גאנצן משכן. כל אחד מישראל הביא כל הי"ג מינים שבנדבה, ועשה כל המלאכות האמורות, ער האט געטון אלע מלאכות. ווייל א זאך וואס די ציווי איז אויף כללות ישראל, אויף א ציבור, אז די כתה דארף דאס אהערצושטעלן, און מען האט עס אהערגעשטעלט, דאס מיינט אז יעדער איינער האט א חלק אין אלע דברים טובים וואס איז ארויסגעקומען פון דעם. וועגן דעם טוען מיר מצות בשם כל ישראל, מען טוט זיך מצרף זיין מיט יעדן יוד, אז עס זאל ווערן די שלימות כללות התורה, וואס דארף ארויסקומען פון יעדן פרט. איז נישט נוגע נאר פארן פרט אליין, עס איז נוגע פארן גאנצן ציבור.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **חנני' שפיטץ** הי"ו (בן הר"ר הערשל שפיטץ הי"ו), עב"ג בן הר"ר **יהושע לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם אונסדארף. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, ורקד עם החתן והמחותנים, ונתכבד באמירת שבע ברכות.

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אז בעפאר מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, האט מען עס געברענגט צו משה רבינו, און משה רבינו האט געזעהן אז מען האט געטון אלעס וואס פעלט אויס, ויברך אותם משה (שמות לט-מג), משה רבינו האט זיי געגעבן א ברכה, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ער האט אנגעוואונטשען אז עס זאל זיין השראת השכינה אין דעם משכן וואס יודען האבן געמאכט. און עס איז א חידוש, מען דארף האבן א ברכה פון משה רבינו שתשרה שכינה במעשה ידיכם, אז עס זאל רוען די שכינה אינם בית המקדש? דער באשעפער האט דאך געזאגט אז עס גייט רוען דארט די שכינה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), עס איז דא א הבטחה פונעם אייבערשטען, אז ווען מען וועט מאכען א מקדש, וועט דער אייבערשטער רוען. איז א סימן אז אפילו אויף א זאך וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט אז עס וועט זיין, א ברכה האט א חשיבות. ויברך אותם משה, משה רבינו האט זיי געבענטשט, שתשרה שכינה במעשה ידיכם.

**עס** קען זיין לענינינו, יעדע יודישע שטוב וואס מען שטעלט אויף, בויט מען א משכן פארן אייבערשטען. איש ואשה זכו שכינה ביניהם (סוטה יז.), אז מען איז זוכה, איש ואשה, איז דא א השראת השכינה אינעם שטוב. אין 'איש' איז דא א י', אין 'אשה' איז דא א ה', דאס איז דעם אייבערשטענס נאמען. אז מען איז זוכה רוהט דער אייבערשטער דארט. א שטוב וואס עס איז דא א השראת השכינה, דער אייבערשטער רוהט דארט, איז א משכן פארן אייבערשטען. דער משכן איז דאך אויך נאר געווען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אז דער אייבערשטער זאל רוען דארט. און דאס קען א יוד טון בשעת ער שטעלט אויף א אייגענע ערליכע יודישע שטוב, אז עס זאל זיין א השראת השכינה אין די היים.

**און** מען וואונטשט אן, שתשרה שכינה במעשה ידיכם, מען האט אויפגעשטעלט א משכן, דער אייבערשטער העלפט, מען זיצט ביי א שמחת חתן וכלה, וואס מען האט געענדיגט אויפצושטעלן דעם משכן, קומט א ברכה, ויברך אותם משה, שתשרה שכינה במעשה ידיכם, עס וועט זיין א השראת השכינה אין שטוב. אמאל איז ח"ו דא וואס עס איז לא זכו, עס פעלט די השראת השכינה, און עס קומט זיך א ברכה, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם.

**משה** רבינו האט געזאגט שתשרה שכינה במעשה ידיכם, אין וואס מען האט געטון, זאל רוען די שכינה. עס שטייט אין די גמרא (שבת לב:) אז אמאל איז דא א חטא וואס א מענטש זינדיגט, וואס עס איז נוגע פאר די קינדער, עס שאדט פאר די קינדער. בעון נדרים זאגט די גמרא, בניו של אדם מתים. די גמרא דרשנ'ט עס פון א פסוק וואס שטייט וחבל את מעשה ידיך (קהלת ה-ה). וואס ווערט אנגערופן מעשה ידיך, זאגט די גמרא, אלו בניו ובנותיו של אדם. די קינדער וואס א מענטש האט, ווערט אנגעופן מעשה ידיו פון א מענטש.

**אז** מען וואונטשט אן שתשרה שכינה במעשה ידיכם, איז עס נישט א ברכה וואס מען גיט פאר חתן כלה, אז עס זאל רוען די שכינה ביי זיי אין שטוב. נאר די שכינה זאל אויך רוען במעשה ידיכם, בניו ובנותיו של אדם. דער באשעפער זאל געבן אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע שטובער, שטובער פון בנים ובני בנים וואס זענען עוסקים בתורה ובמצות. דאס איז געווען די ברכה פון שתשרה שכינה, אז די שכינה זאל רוען, במעשה ידיכם, אין די קינדער וואס מען שטעלט אויף.

*

__ערב שבת קודש פרשת פקודי__

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **שלום מאיר** נ"ו בן הר"ר **יעקב קליין** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הרב **אלימלך בראך** שליט"א. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והשמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יהודא ווייס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

__שבת קודש פרשת פקודי__

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של בן הר"ר **לוי מיכאל גראס** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי אלכסנדר יעקב גראס שליט"א** דומ"ץ דאמבראוו (מאנסי) בברכת המזון.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום סדר מועד במסגרת חבורת '**דרשו**' שהתקיים במלון ארמון, ונשא מדברותיו.

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**ברשות** די חשובע ראשי ישיבות, רבנים, ובראשם דער נשיא פון דרשו, ר' דוד זאל זיין געזונט, און כל הקהל הקודש הזה. עס איז א סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה, א סעודה וואו עס זיצן יודען וואס האבן אוועקגעגעבן אסאך פון זייערע שעות, מסיים צו זיין גאנץ סדר מועד ווי מען האלט יעצט. עס איז פאר מיר אויך א פערזענליכער שמחה, כאטש איך האב נישט מיטגעהאלטן, אבער ב"ה איך האב קינדער, און אייניקלעך, וואס האלטן מיט פון ווען עס האט זיך אנגעהויבן 'דרשו'. זיי האלטן שוין יעצט מיט איינס, און צוויי, און דריי מאל, דעם סיום. עס איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה אטיילצונעמען אין די היינטיגע חבורה דא.

**מען** געפונט אין די גמרא (שבת פח.), די גמרא רעדט פון מתן תורה, פארציילט די גמרא, דרש ההוא גלילאה, עס איז געווען איינער גלילאה, ער איז געקומען, און ער האט זיך געשטעלט, עליה דרב חסדא. רב חסדא איז געזעסן, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן פון כבוד התורה, אקעגן רב חסדא. און ער האט געזאגט, בריך רחמנא, געלויבט איז דער אייבערשטער, דיהיב לן אוריאן תליתאי, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תורה וואס איז איינגעטיילט פון דריי חלקים, תורה נביאים וכתובים. ער האט עס געגעבן לעם תליתאי, פאר א פאלק וואס באשטייט פון דריי שיכטען יודען, כהנים לויים ישראלים. ער האט עס געגעבן על ידי תליתאי, דורך משה רבינו וואס ווערט אנגערופן תליתאי. עס איז דא צוויי פשטים. רש"י טייטשט, משה רבינו איז געווען דער דריטער פון די קינדער פון עמרם. ער האט געהאט א עלטערע שוועסטער מרים, נאכדעם איז געווען אהרן, און נאכדעם איז געווען משה. א טייל מפרשים טייטשן, אז דער נאמען פון משה איז צוזאמגעשטעלט פון דריי אותיות, מ ש ה. און ער האט עס געגעבן ביום תליתאי, דער אייבערשטער האט געזאגט וקדשתם היום ומחר, און משה האט צוגעגעבן, הוסיף יום אחד מדעתו (שבת פז.). נאך דריי טאג פון הכנה, האט מען אונז געגעבן די תורה.

**איך** מיין אז די ווערטער זענען געאייגענט צו די מסיבה היינט. אונז דאנק מיר דעם אייבערשטען, בריך רחמנא, דיהיב לן, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אוריאן תליתאי, עס איז דער דריטער מחזור וואס אונז זיץ מיר דא צוזאמען פון סיום סדר מועד. עס איז אוריאן תליתאי, עס איז די דריטע יאר פון ווען מען האט אנגעהויבן דעם מחזור. עס איז אוריאן תליתאי, מען האט שוין אדורכגעלערנט א דריטל פונעם ש"ס, אין די מחזור. ווען איך בין אהערגעקומען בין איך געוואויר געווארן אז אונז האב מיר א אוריאן תליתאי. מען האט אנגעהויבן מיט דף היומי אויף ש"ס, נאכדעם האט מען צוגעגעבן דרשו אין הלכה, און אונז האלט מיר יעצט ביי אוריאן תליתאי, די דריטער חלק וואס מען האט צוגעגעבן, פון עיון הש"ס. עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר אונז, דיהיב לן אוריאן תליתאי, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז מיר זענען א חלק פון די וואס זענען מסיים אין דעם אוריאן תליתאי.

**עס** איז געגעבן געווארן על ידי תליתאי, ווער האט אונז אהערגעשטעלט 'דרשו'? איינער וואס זיין נאמען באשטייט אויך פון דריי אותיות, ר' דוד זאל זיין געזונט. - עס איז ביום תליתאי, מען זיצט שוין דריי טאג אינאיינעם, וואס מען פריידט זיך מיט א שמחת התורה. אנגעהויבן פון דאנערשטאג, דעם געוואלדיגן סיום וואס איז געווען, און דעם לעכט'יגן שבת וואס מען האט געהאט דא. יעדער שבת איז מעין עולם הבא, יעדער שבת איז אחד מששים בעולם הבא (ברכות נז:), אבער דער וואס איז דא געווען דעם שבת, האבן עס טועם געווען אין 'די' וועלט, עולמך תראה בחייך (ברכות יז.), ווי אזוי עס קוקט אויס א שבת פון בני תורה צוזאמען. וויפיל מען האט זיך אנגעזאפט, און מען האט געהערט אין די טעג, וואס עס וועט זיכער באגלייטן יעדן איינעם.

*

**מען** האלט ביים סיום, עס ענדיגט זיך דער גרויסער יום טוב פון אונזער סיום התורה, און עס דארף התבוננות, מיט וואס גייען מיר אהיים? וואס האבן מיר זיך צוזאמגעקליבן? וואס איז אונזער שמחה באמת, אין טיפעניש פונעם הארץ, ווען אונז ענדיג מיר דעם סיום פון סדר מועד.

**מען** ווייסט אז מען מאכט א ברכה אויף די תורה, א ברכה לפניה און א ברכה לאחריה. ווען מען איז עולה לתורה זאגט מען א ברכה, אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו, מען דאנקט דעם אייבערשטען אז ער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער, און ער האט אונז געגעבן די תורה. ווען מען ענדיגט די תורה, מאכט מען נאכאמאל א ברכה, אבער די ברכה איז שוין אביסל אנדערש. מען הייבט שוין אן אויסצורעכענען די פנימיות פון תורה, אשר נתן לנו תורת אמת, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א אמת'דיגע תורה. וחיי עולם נטע בתוכינו, און דער אייבערשטער האט אין אונז אריינגעפלאנצט חיי עולם, די לעבן פון די וועלט האט דער באשעפער אונז געגעבן. ברוך אתה ה' נותן התורה.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, וואס איז דער חילוק פון די צוויי ברכות, מיט א משל. ווען איינער קומט באזוכן זיין גוטן חבר, איז דער סדר, אז ער קומט און ער ברענגט א מתנה פאר דעם חבר. עס איז איינגעפאקט, שיין געראפ'ט, און ער זאגט אים מיט גרויס ליבשאפט, איך בין געקומען צו דיר, איך האב דיר געברענגט א מתנה. דער חבר דאנקט אים אויף די מתנה, ער זאגט אים א יישר כח. ער ווייסט נאך נישט וואס די מתנה איז, ער האט עס נאכנישט געעפענט, ער ווייסט נישט וואס איז דא אינעווייניג, און ער זאגט א דאנק אויף די מתנה. דער דאנק איז נישט אויף די מתנה וואס ליגט אינעווייניג, ווייל ער ווייסט דאך נאכנישט וואס ער האט באקומען. דער דאנק איז, אויף די תשומת הלב פונעם חבר. איך האב א נאנטן חבר, וואס טראכט פון מיר, און ער האט מיר געברענגט א מתנה, דאס איז דער ערשטער דאנק אויף דעם וואס ער גיט אים א מתנה.

**נאכדעם** עפענט ער אויף די מתנה וואס ער האט באקומען, און ער טרעפט אינעווייניג אז עס ליגט א חפץ, א זאך, וואס ער האט שוין לאנג געבענקט ער זאל עס קענען האבן, נאר ער האט זיך נישט געקענט ערלויבן ער זאל עס קענען קויפן, איז עס ביי אים א שעשוע, א געוואלדיגע צופרידנהייט, די מתנה וואס ער האט באקומען. זאגט ער אים נאכאמאל, א יישר כח אויף די מתנה. איך האב עס געעפענט, איך האב געזעהן וואס דו האסט אריינגעלייגט אינעווייניג, עס איז הפלא ופלא, עס

איז שוין אזויפיל צייט וואס איך האב געוואלט דאס האבן, און איך האב נישט געקענט, דו האסט מיך באמת מחיה געווען.

**דאס** איז דער חילוק צווישן די צוויי דאנקען וואס א מענטש גיט. ער גיט קודם א הודאה פאר יענעם אויף די מתנה, אויף די תשומת לב, וואס דו האסט מיך אויסגעקליבן פאר א גוטן חבר, און געברענגט א מתנה. ווען ער איז מכיר וואס עס ליגט אינעווייניג, גיט ער נאכאמאל א דאנק, יעצט ווייס איך די חשיבות פון די מתנה וואס דו האסט מיר געגעבן.

**א** יוד הייבט אן צו לערנען תורה. ער ווייסט אז תורה איז זייער חשוב, ער ווייסט אבער נאכנישט וואס תורה מיינט פאר אים, וואס עס איז זיין צוגעבונדענקייט צו תורה. איז די ערשטע ברכה ווען ער איז עולה, בעפאר ער האט נאך געלערנט, דאנקט ער דעם אייבערשטען אויף די תשומת הלב, אשר בחר בנו מכל העמים, דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער, ונתן לנו את תורתו, ער האט אונז געגעבן די תורה. וואס די תורה איז? וואס ווערט ווירקן אויף מיר די תורה? ווייסט ער נאכנישט.

**ווען** עס גייט אדורך, און ער לערנט, און ער זעהט וואס די תורה האט אויף אים אויפגעטון, יעצט ווען ער דאנקט דעם אייבערשטען נאכן לערנען, זאגט ער, רבונו של עולם, איך געב דיר א דאנק אויף די תורה וואס דו האסט מיר געגעבן, אשר נתן לנו תורת אמת, אמת ליגט נאר אין תורה, וחיי עולם נטע בתוכינו, דו האסט אריינגעפלאנצט אין אונז חיי עולם, לעבן אויף די וועלט איז נישט קיין לעבן וואס דער גוי לעבט, נישט דאס איז חיים. אונזער תורה וואס מיר זענען דבוק אין תורה, און מיר זענען פארבינדן מיט מצוות התורה, דאס איז חיי עולם נטע בתוכינו. און אויף דעם געב איך אן עקסטערן דאנק פארן רבונו של עולם, ברוך אתה ה' נותן התורה.

**ווען** מען הייבט אן צו לערנען א מסכתא, מען ווייסט נאכנישט צו וואס דער לימוד וועט מיך צוברענגען. ווען מען האלט אבער אז מען האט מסיים געווען סדר מועד, יעדע סיום מסכתא איז דאך עבידנא יומא טבא לרבנן, און ער שפירט ווי אזוי 'דרשו' האט געטוישט זיין לעבן, ווי אזוי זיין שטוב קוקט אויס, ווי אזוי אלעס איז צוגעבינדן צו תורה. וואס האבן מיינע קינדער זיך אפגעלערנט פון מיר נאכדעם וואס איך האב זיך אוועקגעגעבן פאר 'דרשו'. ער האט אדורכגעלערנט סדר מועד, ער ווייסט וואס עס טוט זיך אויף די וועלט. ער האט געלערנט מסכת ברכות, ער ווייסט ווי אזוי א יוד דארף ליינען קריאת שמע, און ווי אזוי א יוד דארף דאווענען. ער האט באקומען א טעם אין מסכת שבת, ווי אזוי א שבת דארף צו זיין ביי יודען, וואס דער שבת איז. ער האט געלערנט פסחים, ווייסט ער וואס א פסח איז. ער האט געלערנט מגילה, ווייסט ער וואס א פורים איז. יעצט דאנקט ער דעם אייבערשטען, וחיי עולם נטע בתוכינו, דו האסט אריינגעפלאנצט אין אונז חיי עולם.

**אונזער** דאנק יעצט פאר 'דרשו', ווען אונז גיי מיר אוועק פון די דריי טעג, וואס אונז פייער מיר אונזער שמחת התורה. ווען אונז האב מיר אנגעהויבן, האבן מיר נישט געוואוסט וויפיל די תורה וועט אונז טוישן, אבער היינט געבן מיר א עקסטערע שבח והודאה, בריך רחמנא, געלויבט איז דער אייבערשטער וואס האט אונז געגעבן דעם אוריאן תליתאי, אז מיר זענען דבוק אין די תורה הק', וואס די תורה הק' האט אונז משנה געווען.

*

**מען** געפינט די פאריגע וואך אין די פרשה. משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, אז דער אייבערשטער בעהט מען זאל בויען א משכן, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, יעדער זאל געבן צו נדבת המשכן. יעדער האט געברענגט זיין נדבה. ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, משה רבינו האט צוזאמגענומען אלע יודען, און ער האט זיי פארגעלייגט דעם דיבור פונעם אייבערשטען, מען דארף א משכן. ווען משה רבינו האט געענדיגט די דרשה, שטייט אין פסוק (שמות לה-כ) ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה, יודען זענען ארויסגעגאנגען פון משה רבינו. פארוואס דארף די תורה שרייבן ויצאו מלפני משה, זיי זענען אוועקגעגאנגען פון משה. וואס האבן מיר געמיינט, אז זיי זענען געבליבן זיצן דארטן ביי משה רבינו, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט צו רעדן?! און אז די תורה וויל מיר יא פארציילן אז מען איז אוועקגעגאנגען, מען רעדט דאך פון משה רבינו, עס וואלט גענוג געווען ווען עס

שטייט ויצאו כל עדת בני ישראל, נאכן איבערגעבן דעם דבר ה' זענען זיי אוועקגעגאנגען. פאררוואס שטייט ויצאו כל עדת בני ישראל, יודען זענען אוועקגעגאנגען, מלפני משה, פון פאר משה?

**עס** איז דא א ווארט פון איינע פון די ליטווישע גדולים, האט ער געזאגט. אויף א יוד דערקענט זיך פון וואו ער קומט. ווען א יוד קומט אריין אין א מקום תורה, און ער גייט ארויס פון דארטן, גייט ער ארויס אן אנדערער סארט מענטש, ווי ווען ער איז אריינגעקומען. ער איז נישט דער זעלבער מענטש, ווי ער איז געווען פריער. עס שטייט אין **עקידה**, ווען יודען זענען געגאנגען עולה רגל זיין אין בית המקדש, איז דא א פסוק אין נ"ך (יחזקאל מו-ט), אז ווען מען איז אריינגעגאנגען אין בית המקדש איז געווען טויערן אריינצוגיין אויף דרום זייט, און אויף צפון זייט. און ווען א יוד איז אריינקומען אין בית המקדש, איז ער אריינגעקומען ביי איין שער, אבער ער איז נישט ארויסגעגאנגען פון די זעלבע שער ווי ער איז אריינגעקומען, ער האט געטוישט. ער איז אריינגעקומען אין דעם שער, און ער איז ארויסגעגאנגען פון דעם צווייטן שער. אזוי שטייט אין פסוק, ווען דער עם הארץ זענען געקומען לפני ה' במועדים, זאלן זיי נישט ארויסגיין פון דעם שער וואס זיי זענען אריינגעקומען.

**זאגט** דער **בעל עקידה**, א מענטש קומט אריין אין בית המקדש, ער איז עולה רגל, ער קומט פון א וואכענדיגע שטוב, ער קומט פון זיין וואכעדיגע ארבעט, און ער דארף אריינגיין אין בית המקדש, און ער זעהט וואס א בית המקדש איז, כהנים בעבודתם ולויים בדוכנם, וואס פאר א קדושה עס איז געווען אין בית המקדש. ער איז אריינגעקומען מיט מחשבות, איך דארף טאקע מתפלל זיין פארן אייבערשטען, אז מיין ביזנעס זאל גיין גוט, און אויף דעם פראבלעם וואס איך האב, און אזוי ווייטער. דאס איז געווען זיין מחשבה ווען ער איז אריינגעקומען. אבער ווען ער גייט ארויס, גייט ער ארויס אן אנדערער מענטש! עס אינטערעסירט אים שוין נישט זיינע געשעפטן, עס אינטערעסירט אים שוין נישט די פראבלעמען וואס ער האט. ער האט אין פראבלעם, זיין דבוק אינעם אייבערשטען! דער אייבערשטער זאל מיר געבן, איך זאל קענען מיטנעמען דאס וואס איך האב מיך אנגעזאפט אין דעם בית המקדש. אריינגעקומען איז ער פון איין שער, אבער ער גייט נישט ארויס פון דעם זעלבן שער, ער גייט ארויס דורך א אנדערן שער. קומען קומט מען אריין וואכענדיג, ארויסגיין גייט ער ארויס יום טוב'דיג! דאס איז די קדושה פון א בית המקדש.

**ביי** משה רבינו איז יעצט געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט גערעדט מיט יודען, ער האט זיי איבערגעגעבן די תורה פונעם אייבערשטען. פון מתן תורה אן איז ער געווען אין הימל דריי מאל פערציג טעג. עס איז געווען ממחרת יום הכיפורים, ויקהל משה את כל עדת ישראל, ער האט צוזאמגענומען יודען, עס איז געווען די ערשטע מאל וואס מען האט געהערט תורה פון משה רבינו. משה רבינו איז שוין געווען דעמאלטס קרן אור פניו, עס האט געלאכטן די פנים פון משה רבינו ווי די זון, בשעת מען האט געזעהן ווי אזוי משה רבינו לערנט תורה מיט יודען. ווען מען איז ארויסגעגאנגען, איז מען נישט געווען דער זעלבער מענטש וואס איז געווען ביי ויקהל משה, דער גאנצער מענטש איז געטוישט געווארן, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון משה רבינו.

**זאגט** די תורה, ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, משה רבינו האט צוזאמגענומען יודען, און ער האט זיי איבערגעגעבן די מצוות התורה, ווען מען איז ארויס האט זיך דערקענט אז, ויצאו כל עדת בני ישראל 'מלפני משה', מען האט געזעהן אז מען איז ארויסגעגאנגען פון א משה רבינו.

**ווען** אונז גיי מיר אהיים פון דעם שבת, ווען אונז גיי מיר אהיים נאך א סיום פון גאנץ סדר מועד, איז עס ויצאו מלפני משה, עס דערקענט זיך אויף אונז. יעדער איינער וואס האט מיטגעהאלטן, טראגט מיט זיך אהיים אזויפיל אהבת תורה, אזויפיל צוגעבונדעניקייט צו תורה. מען האט גערעדט איינער מיטן צווייטן, איין חבר מיט א צווייטן חבר, און מען האט זיך אנגעווארעמט איינער פונעם אנדערן, יעדער האט געהאט צו פארציילן וואס ער גייט אדורך ביז ער קען סוף פונעם חודש נעמען די בחינה. איש לרעהו יאמר חזק, איינער האט איבערגעגעבן חיזוק פארן צווייטן. מיט דעם חיזוק גייען מיר אהיים, אנצוהייבן יעצט סדר נשים. עס איז נישט גרינג, עס איז נישט סדר מועד, עס זענען שווערע מסכתות, אנגעהויבן פון יבמות, כתובות, און

אזוי ווייטער, אבער אז אונז האב מיר געקענט אדורכלערנען סדר מועד, וועלן מיר קענען אדורכלערנען סדר נשים אויך. דער באשעפער האט געגעבן די כוחות, אז מיר האבן געקענט לייגן אלע זאכן אין דער זייט, און זיך אוועקגעבן פאר תורה, קענען מיר אויך קענען די מסכתות. נישט גרינג האלטן פאר זיך, און אנהייבן מיט א געפיל פון יאוש, אונז גיי מיר סטאפ'ן דא, איך האב נישט די כוחות דערצו דאס אנצוקומען. עס וועט זיין אפשר שווער די ערשטע פאר בלאט וואס מען לערנט, אונז דארף מיר מיטנעמען די חיזוק, אונז גיי מיר זיך נישט אפשטעלן אינדערמיט, אונז גיי מיר אי"ה קענען גאנץ ש"ס, און יעצט הייבן מיר אן די שווערע חלקים פון ש"ס, און אונז גיי מיר ווייטער מיטגיין. - און עס איז נישט אזוי שווער, ב"ה היינט איז דא גמרות וואס האבן גרינג געמאכט דאס לערנען. עס איז נישט דא קיין שום תירוץ אז מען זאל נישט קענען אדורכגיין א בלאט גמרא, און מען זאל עס נישט פארשטיין. דעם חיזוק נעמען מיר מיט פון דעם שבת.

*

**איך** וויל ענדיגן מיט א ווארט. ווען מען האט געענדיגט די משכן, האט מען אלעס געברענגט פאר משה רבינו, און משה רבינו האט עס באקוקט, און ער האט געזעהן די גאנצע מלאכה, אז מען האט עס געטון כאשר צוה ה'. ויברך אותם משה, האט משה רבינו געבענטשט יודען, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו, ומעשה ידינו כוננה עלינו, ומעשה ידינו כוננהו. איך האב געזעהן שטיין פון **רבי זלמן סורוצקין זצ"ל**, אז ער האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען אויף א מסיבה, ווי א אדם גדול האט אויפגעשטעלט זייער א שיינעם בנין פאר א ישיבה צו לערנען תורה. עס האט אים געקאסט אסאך כח און מיה, ער איז ארומגעפארן אין די וועלט שאפן געלט, כדי ער זאל קענען אהערשטלן דעם בנין. און ב"ה ער האט געהאלטן ביים חנוכת הבית, האט ער צוזאמגערופן די אלע נדבנים וואס האבן צוגעהאלפן דערצו, און ער האט געמאכט פאר זיי א גרויסע שמחה.

**ער** האט זיך אויפגעשטעלט צו דרש'נען, האט דער רב געזאגט אזוי, עולם הפוך ראיתי, אזוי זאגט די גמרא (פסחים נ.), די וועלט איז א פארקערטע וועלט. זאגט ער, עס איז מיר א פארקערטע וועלט. אז איך דארף זיך אויפשטעלן דא, און באדאנקען די אלע וואס האבן מיר מסייע געווען אויפצושטעלן דעם בנין. איך דארף זיך באדאנקען פאר ענק?! וויפיל וואלט עטץ געדארפט דאנקען פאר מיר, אז איך האב ענק געגעבן די געלעגענהייט, אז עטץ זאלטס האבן א חלק אין תורה! איך בין פארנומען, איך האב וואס צו טון, איך זיץ און איך לערן תורה מיט תלמידים. עטץ זענטס זבולון'ס, עטץ האטס נישט קיין צייט אוועקצוגעבן פאר תורה, איך האב ענק מזכה געווען אז עטץ קענטס האבן א חלק אין אויפבויען תורה, דארפט עטץ דאנקן פאר מיר! עטץ וואלטס מיר געדארפט געבן דעם דאנק, נישט איך דארף זיך אויפשטעלן ענק צו באדאנקען. איינער פון ענק וואלט זיך געדארפט אויפשטעלן צו באדאנקען מיר וואס איך האב ענק געגעבן די זכיה!

**משה** רבינו האט געבעטן יודען, מען זאל זיך משתתף זיין צו נדבת המשכן. מען האט געענדיגט, ויברך אותם משה, משה גיט זיי א ברכה. משה דארף געבן א ברכה פאר ענק, אז עטץ האטס געגעבן געלט צום משכן?! עטץ וואלטס געדארפט געבן א ברכה פאר משה! משה רבינו, אונז דאנקן מיר דיר, אז דו האסט אונז געברענגט אזא מצוה פונעם אייבערשטען, און דו האסט אונז מזכה געווען, איך קען געבן פאר בנין המשכן, איך קען געבן פאר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אז עס זאל זיין דארטן השראת השכינה. עטץ וואלטס געדארפט בענטשן משה'ן. אבער, זאגט ער, עס איז דאך א עולם הפוך, אין א עולם הפוך איז ויברך אותם משה, האט משה רבינו געבענטשט יודען, אנשטאטס דעם וואס יודען וואלטן געדארפט בענטשן משה רבינו.

**איך** מיין, אז די היינטיגע מסיבה וואס אונז זיץ מיר דא, איז ענליך דערצו. ר' דוד זאל זיין געזונט, וואס גיט אוועק זיין לעבן פאר תורה, איך רעד נישט פון געלט וואס ער גיט אוועק פאר תורה, דאס איז אפגערעדט. איך רעד נאר פון וואס ער ליגט דערין, אז יודען זאלן לערנען תורה אין ארבע כנפות הארץ. געוומען אויף זיך אזא פראדזשעק"ט וואס מען דארף האבן אן עקסטערע זכיה דערצו, וואס גדולים וטובים האבן נישט זוכה געווען אין זייער לעבן אויפצושטעלן אזויפיל תורה וואס ר' דוד האט זוכה געווען. עס איז אן עקסטערן זכות וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן.

**און** ווען מען מאכט א סיום אויף סדר מועד, רופט ער אונז, זיך צו באדאנקען פאר אונז, אויף די תורה וואס מען האט געלערנט. ער גיט א שבת פאר די וואס האבן מסיים געווען סדר מועד. ער דארף געבן פאר אונז א סעודה?! אונז וואלט מיר געדארפט מאכן א סעודה, און רופן ר' דוד, אונז האב מיר צוגעשטעלט א סעודה פאר דיר, וואס דו האסט אונז מזכה געווען מיט אזויפיל תורה! אבער עס איז דאך עולם הפוך ראיתי. מען דארף זיך נישט באליידיגן, משה רבינו האט מען אויך נישט באדאנקט, נאר ויברך אותם משה, משה האט דאך געגעבן די ברכות פאר יעדן.

**וויל** איך נאר וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל געבן פאר די אלע וואס זיצן דא, און פאר די אלע וואס זענען שותפים אין 'דרשו', וואס זענען נישט דא, אבער זיי האלטן מיט דעם לימוד התורה. לימוד התורה ברבים פון טויזענטער טויזענטער יודען אין די גאנצע וועלט צוזאמען. אשריכם מה טוב חלקכם, גליקלעך דארף מען זיין אויף דעם זכיה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן. און אונז באדאנק מיר פאר ר' דוד'ן, אויף דעם וואס ער האט אונז צוגעשטעלט, אז אונז האב מיר א זכיה, זיך אוועקצוגעבן פאר תורה. זאל דער אייבערשטער אונז אלע בענטשן, מיט די ברכה וואס משה רבינו האט געבענטשט, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם. סיי ביי ר' דוד אין זיינע געשעפטן זאל זיין השראת השכינה, און סיי ביי אונז זאל זיין השראת השכינה אין וואס מען טוט, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו, ומעשה ידינו כוננה עלינו.

**און** ווי מען האט אנגעהויבן, יהיב לן אוריאן תליתאי, עס איז דא דריי פראגראמען אין 'דרשו'. עס איז יומא תליתאי, עס איז דריי טאג וואס אונז פריי מיר זיך צוזאמען. והחוט המשולש לא במהרה ינתק, דער חוט המשולש זאל אונז באגלייטן, עס זאל זיך קיינמאל נישט אפרייסן, אונזער חברותא זאל בלייבן א חברותא אויף שטענדיג. און יודען זענען עם תליתאי, ווייל אונז דארף מיר דריי ברכות פונעם אייבערשטען, בני, חיי, ומזוני רוויחא. זאל אונז דער אייבערשטער בענטשן מיט א ברכה המשולשת בתורה, מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.